TOWARZYSTWO
SZERZENIA PRACY ZAWODOWEJ I ROLNEJ
WŚRÓD ŻYDÓW
(DAWN. „ORT")

ZARZĄD GŁÓWNY
WARSZAWA, ŻABIA 9 — TELEFON 286-64.

№ 2066/27

WARSZAWA, D. 7/9 1927 ווארשע,

געזעלשאפט צו פארשפרייטן
מלאכה און ערד-ארבעט צווישן יידן
(געוו. „ארט")

צענטראל קאמיטעט
ווארשע, זשאביע 9 — טעלעפאן 64-286

Adr. dla listów: T-wo „ORT" Warszawa, Żabia
Adr. dla depesz: „ORT" Warszawa
אדרעס פאר בריוו
טעלעגראפן

d06b618

Eing.: 10/9 27
Bearb.

1142

דער צענטראל-פארוואלטונג פון „ארט"

אין בערלין

בײגעלעגט שיקן מיר אײך איבער דעם פראטאקאל פון דער לעצטער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע און מאכן אײך אויפמערקזאם אויף פאלגענדיקע פונקטן, וועלכע זײנען באהאנדלט געווארן אויף דער דאזיקער זיצונג:

1) דאס צעכן-געזעץ. נאך א גאנצער רײע השתדלות מצד דעם ידישן קאלא און די האנטווערקער-ארגאניזאציעס איז סוף כל סוף פארעפנטלעכט געווארן דאס צעכן-געזעץ, וועלכעס טרעט ארײן אין קראפט דעם 15-טן דעצעמבער ד.י. אײניקע שווערע גזירות, וואס האבן געזאלט ארײנגײן אין געזעץ, זײנען אפגעשריגן געווארן. די וויכטיקסטע פון זײ איז די, וואס די האנטווערקער, וועלכע וועלן קאנען באווײזן, אז זײ האבן געפירט זעלבסטשטענדיק א האנטווערקער-אונטערנעמונג פארן מאמענט, ווי דאס געזעץ איז פארעפנטלעכט געווארן, וועלן דאס ווײטער קאנען טון. דערפאר אבער איז אײנגעפירט געווארן א שטרענגע רעגלאמענטאציע פאר דעם אונטערוואקסנדן דור פון האנטווערקער. יעדער לערן-יינגל וועט מוזן אפגעבן א ענטשפרעכנדן עקזאמען, כדי צו באקומען דאס רעכט צו ווערן א „טשעלאדניק" (א געזעלן, „פאדמאסטעריע"), ער וועט אבער צוגעלאזן ווערן צום עקזאמען נאר דאן, ווען ער וועט צושטעלן א צײגניש, אז ער האט געענדיקט דערגענצונגס-פאך-קורסן. דער „טשעלאדניק" ווידער וועט מוזן אפגעבן א עקזאמען אויף „מײסטער", כדי צו באקומען דאס רעכט צו פירן זעלבסטשטענדיק א האנטווערקער-אונטערנעמונג.

מיר קאנען דא נישט ארײנגײן אין אלע פרטים פונם דערמאנטן געזעץ, וועלכער ענטהאלט בײ 200 פאראגראפן (א אויסצוג מיט די וויכטיקסטע פאראגראפן שיקן מיר אײך איבער בײגעלעגט אין א ידישער איבערזעצונג).

d06b619

TOWARZYSTWO
SZERZENIA PRACY ZAWODOWEJ I ROLNEJ
WŚRÓD ŻYDÓW
(DAWN. „ORT")
ZARZĄD GŁÓWNY
WARSZAWA, ŻABIA 9 — TELEFON 286-64.

געזעלשאפט צו פארשפרייטן
מלאכה און ערד-ארבעט צווישן יידן
(געוו. „ארט")
צענטראל קאמיטעט
ווארשע, זשאביע 9 — טעלעפאן 286-64

№ ..................

WARSZAWA, D. .................... 192 ..... ווארשע,



אבער איין זאך איז קלאר, אז דאס געזעץ איז נוגע צענדליקער טויזנטער יידישע
לערן-יינגלעך, וואס ארבעטן אין פריוואטע ווארשטאטן. אויב זיי וועלן נישט ווערן
צוגעגרייט צו דעם פארשטייענדן עקזאמען אויף „טשעלאדניק", וועלן זיי ווייטער
נישט קאנען קומען אין זייער פאך-ארבעט, בפרט, ווען פאר די קריסטלעכע לערן-
יינגלעך וועלן זארגן די שטאט-מאגיסטראטן, אז זיי זאלן קאנען באקומען די
נויטיקע דערגענצונגס-פאך-בילדונג, כדי צו ווערן א „טשעלאדניק". ס'איז
באמת א נאציאנאלע אויפגאבע פארן פוילישן יידנטום, אז דער יידישער האנט-
ווערקער-קלאס זאל נישט ווערן הינטערשטעליק אין זיינע רעכט און אין זיין
פאך-אויסבילדונג לגבי זייערע קריסטלעכע חברים. מיר האלטן, אז די פאר-
ווירקלעכונג פון דער דאזיקער אויפגאבע דארף אויף זיך נעמען אונזער
ארגאניזאציע, און אין דער מאס אויף וויפל זי וועט די דאזיקע אויפגאבע
פארווירקלעכן, וועט זי קאנען ווערן די פאפולערסטע יידישע פאלקס-ארגאני-
זאציע אין פוילן. איר וועט זעען פונם פראטאקאל, וועלכע באשלוסן די עקזע-
קוטיווע האט אנגענומען וועגן דער דאזיקער פראגע. אויב זי האט אבער בא-
שלאסן צו עפענען לעת-עתה דערגענצונגס-קורסן פאר לערן-יינגלעך נאר אין
3 שטעט, דערקלערט זיך דאס דערמיט, וואס מיר האבן, ווי איר ווייסט, קיין שום
בודזשעט נישט אויף דער דאזיקער ארבעט און מוזן אנקומען צו אייך נאך
די ערשטע -.1.000 דאלאר און אויסנוצן אויסער דעם די סומע פון -.1.000
דאלאר, וועלכע ס'איז נאך פארבליבן פון די ארגענטינער געלדער. מיר האלטן
אבער, אז ווי קליין דער אנהויב זאל נישט זיין, דארף ער געמאכט ווערן תיכף
ומיד. מיר דארפן מאכן דעם ערשטן שריט אויף דעם דאזיקן באדן, כדי מיר
זאלן דערפאך קאנען קומען מיט טענות און תביעות סיי צו די שטאטישע מא-
גיסטראטן, סיי צו דער יידישער באפעלקערונג.

מיר בעטן אייך דעריבער צו באשטעטיקן אונזערע אסיגנירונגען
אויף דעם דאזיקן ענין.

Adr. dla listów: T-wo „ORT" Warszawa, Żab...
Adr. dla depesz: „ORT" Warszawa
אדרעס פאר בריוו...
טעלעגראפן אדרעס: